בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת פִּנְחָס

תשפ"ג

306

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן מַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע דוּרְךְ דִי דְרָשׁוֹת..................................א

מֶעג מֶען מַאכְן דִי פֵּיאוֹת מִיט דְזְשֶׁעל?..................................................................ה

וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ?..........ו

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?..............................................ח

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁפִּירְן אַ חֵלֶק פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?..................................י

אִיז וִויכְטִיג דִי קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס?.......................... יא

אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה, בִּין אִיךְ שׁוֹין דֶערְנָאךְ?............. יג

מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן אֵייגֶענֶע שֵׁיינֶע הוֹיז?.......................... יז

וֶוען אִיךְ וֶוער גֶעהָאלְפְן מִיט אֵיין זַאךְ, וֶועט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען נָאךְ אַ צָרָה?............ יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ..................................א

זָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...............א

אֲפִילוּ דוּ גֵייסְט אַזוֹי סַאךְ צַייט הֲפָצָה אוּן מֶען נֶעמְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ
נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.....................................................................ב

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער......................................ד

טוּט דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְן קִינְדֶער..................................ה

זִיךְ פִירְן אֵיידֶל אוּן צְנִיעוּת'דִיג בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי.............................ה

אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ הָאבְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיף וַואקַאצִיֶע.........................ו

מִיט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ בַּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן גְרִינְגֶערְהֵייט ............ח
מֵיין נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער פָּארְט אוֹיף אוּמַאן אָן מְנִיעוֹת ..................................ח
רֶעד מִיט דַיין טָאכְטֶער זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען ..................................................י׳
וֶוער עֶס טוּט דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זוֹכֶה צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת....................י׳
אֲפִילוּ מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר צֵא טָמֵא, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט דִיר..... יא
אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם מַאן ..................................................יב
אַ גוּטֶער עֶרְלִיכֶער סוֹפֵר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ..........................................................יב
נִישְׁט כְּדַאי אוֹיפְצוּהֶערְן זֵייגְן דָאס קִינְד, צוּלִיב קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן .............. יג
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶוועטְשְׁן אוּן קְרֶעכְצְן ..............יד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן מַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע דוּרְךְ דִי דְרָשׁוֹת

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶע פְּעוּלוֹת וָואס אִיר טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ אַרַיין אִין אַ שְׁוֶוערֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע צוּלִיב שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין פַּרְנָסָה וָואס הָאט מִיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעהַאט צוּרִיקְצוּצָאלְן אוּן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן אָן אוֹיפְהֶער, אוּן צוּזַאמֶען מִיט דֶעם הָאב אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע יֵאוּשׁ, אִיךְ הָאב אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן דִי טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן אִין בֶּעט צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ מֵעֵת לְעֵת פַאר חֳדָשִׁים לַאנְג, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי פִילֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט, אַזוֹי כְּסֵדֶר יֶעדֶע נַאכְט הָאב אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס הַארְץ מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, אוּן נָאר עֶרְשְׁט פַארְטָאגְס אִיז מִיר גֶעלוּנְגֶען אַיינְצוּשְׁלָאפְן בִּיז נָאכְמִיטָאג. אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעוֶוען אִין אַ גֵיהִנּוֹם אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן מַיין מַצָּב.

מִיט אֵיין זַאךְ הָאב אִיךְ מִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטְן, אַז שַׁבָּת הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעפִירְט נָארְמַאל. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, זִיךְ אָנְגֶעטוּן שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן גֶעפִירְט דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. בְּעִיקָר הָאב אִיךְ עֶס גֶעטוּן וַוייל אִיךְ הָאב זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן בַּאמֶערְקְן אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר מִיט מִיר, אִיךְ הָאב זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אוֹיב אֵיינֶער וֶועט זִיךְ דֶערְווִיסְן דֶערְפוּן.

אֵיין מָאל אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַ קַארְטְל אוֹיפְ'ן וַואנְט מִיט דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אִיךְ הָאב שׁוֹין פַארְגֶעסְן גֶעהֶערְט פוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין סַיי וִוי אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, וֶועל אִיךְ זִיךְ כָאטְשׁ צוּהֶערְן צוּם הַאט-לַיין אַבִּיסְל אִיבֶּערְצוּפִירְן דִי צַייט.

וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן? פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט וָואס אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מִיר פָּשׁוּט גוּט גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאב גֶעפִילְט וִוי אִיךְ הֵייל זִיךְ אוֹיס. אִין אָנְהוֹיב הָאב אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ אוֹיסְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאב נָאר גֶעהֶערְט דִי נִיגוּנִים. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען נִיגוּנִים וָואס אִיךְ הָאב אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט, נִישְׁט דִי נִיגוּן אַלֵיין אוּן נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער. אִיךְ הָאב זִיךְ צוּגֶעהֶערְט נָאךְ אוּן נָאךְ בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אוֹיךְ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיךְ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר גְרוֹיסֶע חִידוּשִׁים. אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער שִׁיעוּר נָאךְ שִׁיעוּר, פַּרְשָׁה נָאךְ פַּרְשָׁה, יָאר נָאךְ יָאר, בִּיז אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן לַיין. אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַ פְּרָאגְרַאם פוּן אַ טֶעלֶעפָאן קָאמְפַּאנִי וָואס מֶען קֶען נוּצְן 8,000 מִינוּט אַ חוֹדֶשׁ (אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל), אָבֶּער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, אִיךְ הָאב גֶעדַארְפְט קוֹיפְן נָאךְ אַ סִים-קַארְד עֶס זָאל מִיר זַיין גֶענוּג מִינוּטְן.

אַזוֹי שְׁטַייטְלִיךְ הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען מֶער אוּן מֶער כֹּחוֹת, בִּיז אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגַיין פוּן בֶּעט, אוּן דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב, זִיךְ וֶוענְדְן צוּ דָאקְטוֹירִים אוּן גַּבָּאֵי צְדָקָה אוֹיף "עֶזְרָה רִאשׁוֹנָה", אוּן אַזוֹי מִיט קְלֵיינֶע שְׁרִיט טְרֶעפְן אַן אַרְבֶּעט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, עֶס אִיז מִיר נָאכְאַלְץ שְׁוֶוער צוּ טוּן זַאכְן וָואס פַאר אַנְדֶערֶע קוּמְט אָן גְרִינְג, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי גֵיהִנֹּם אִין וָואס אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה "פָּנִים בְּפָנִים", אָבֶּער דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט בַּאזוּכְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאב אִיךְ ווִידֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הָאב אִיךְ זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז "אִם לֹא עַכְשָׁו אֵימָתַי". אִיךְ ווִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל ווִיסְן אַז אִיר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וד"ל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ וֶועל אַמָאל הָאבְּן. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַייעֶר שְׂכַר אִיז גָאר גְרוֹיס, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט וִוי סַאךְ נְפָשׁוֹת אִיר הָאט אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן גֶערַאטֶעוֶועט. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַפָּאר שְׁאֵלוֹת צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט וֶועל אִיךְ עֶס לָאזְן פַאר אַ צְוֵוייטֶע מָאל.

זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּענְטְשְׁן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, מְנוּחַת הַדַעַת וְשַׁלְוַת הַנֶפֶשׁ, אוּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וָואס אִיר טוּט כְּסֵדֶר.

מִיט שֶׁעצוּנְג אוּן דַאנְקְבַּארְקֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן הֶעלְפְן פָּשׁוּט צוּ קֶענֶען לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ד) "כְּשֶׁתִּסְעוּ", וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיימְפָארְן פוּן מִיר, "וְיִשְׁאֲלוּ אֶתְכֶם", אוּן מֶען וֶועט עֶנְק פְרֶעגְן: "מַה פְּעַלְתֶּם", וָואס הָאט אִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיי מִיר? "תֹּאמְרוּ 'רוּחַ'", זָאלְט אִיר זָאגְן 'רוּחַ חַיִּים', לוֹפְט צוּם לֶעבְּן; דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז - דָאס הֶעלְפְט אוּנְז דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער לֶעבְּן וֶוערְט אַזוֹי זִיס וֶוען מֶען הָאט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מֶען קוּמְט צוּ מַדְרֵיגוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוּרָב, "וְעַל

אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף די וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר און פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), און דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, און עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

מִיר דַארְפְן פַארְגִינֶען אַנְדֶערֶע, מִיר דַארְפְן גֵיין הֲפָצָה פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; זָאלְן אַלֶע וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְן אַלֶע וִויסְן עֶס אַז דָא אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. מִיר דַארְפְן נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן בְּסוֹד פַאר אוּנְז; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן רֶבִּי'ן און עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס פַאר אַ דְרַאסְטִישֶׁע טוּיש עֶס הָאט מִיט אִים פַּאסִירְט - הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט 'דָאס אִיז עֶס, אִיךְ וֶועל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר אִין דֶעם עוֹסֵק זַיין; אִיךְ וֶועל פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן', און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר קֵיינֶעם, עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדְרוּקְט און פַארְשְׁפְּרֵייט מִילְיָאנֶען סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח.): "תָּא חֲזֵי", קוּם און זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ

אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְש אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְש נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְש אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֵחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען מַאכְן דִי פֵּיאוֹת מִיט דְזְשֶׁעל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ מַאכְן דִי פֵּיאוֹת מִיט דְזְשֶׁעל, אַז עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּראֹשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען מֶעג לֵייגְן דְזָשֶׁעל אוֹיף דִי פֵּיאוֹת, עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן שֵׁיין; דָאס וֵוייסְטוּ דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת, נַאס מַאכְן אוּן דָאס קְרַייזְלֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקז) עֶס לִיגְט אִין דִי גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, יא): "קְוֻצּוֹתָיו תַּלְתַּלִּים".

מִיט יָארְן צוּרִיק הָאט אֵיינֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין בְּרֶסְלֶב אַ חֲבוּרָה, כְּלוֹמְר'ישֶׁע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אֵיינֶע פוּן זֵייעֶרֶע זַאכְן אִיז גֶעוֶוען - גֵיין מִיט צֶעשְׁטְרוֹיבְּלְטֶע פֵּיאוֹת, הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא כא.): 'פֵּירוֹת מְפוּזָּרִין' צֶעשְׁפְּרֵייטֶע פְּרוּכְט, אָבֶּער 'פֵּיאוֹת מְפוּזָּרִין' צֶעשְׁפְּרֵייטֶע צֶעשְׁטְרוֹיבְּלְטֶע פֵּיאוֹת - גֶעפִינֶען מִיר נִישְׁט"; עֶס אִיז קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֵייגְן דְזָשֶׁעל אַז דִי פֵּיאוֹת זָאל זִיךְ הַאלְטְן שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וֶוערְט מִיר שְׁוֶוערֶער. אָנְהוֹיבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי יֶעצְט, אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶפֶּעס טוּ אִיךְ נִישְׁט גוּט אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע הֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי הֲלָכוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן נִישְׁט אוּנְז צוּ שְׁטְרָאפְן, אוּנְז אַוֶועק נֶעמֶען גֶעשְׁמַאקֶע צַייט - נָאר אוּנְז גוּט צוּ מַאכְן. אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ - הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער; סֵיי מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן סֵיי אַז מֶען וֶוערְט אַלֵיין קְרַאנְק רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פַאר יוּנְגֶע פָארְפֶעלְקֶער דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת יג.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: ״מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! ״וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר״, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: ״אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?״ הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַוַדַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה״, הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פִּינְקְטְלִיךְ צִי זִי קֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי הֲלָכוֹת אִין דִי שִׁבְעָה נְקִיִּים; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: ״בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ״, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגֶ'עט, ווייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי הֲלָכוֹת, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן צוּ גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אוֹיף מַיין קָאמְפְּיוּטֶער קֶען מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, אָבֶּער סְתָם וֶוען אִיךְ פָאר אַרַיין מֶער אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע גֶעגְנְט צוּ גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן וֶוען אִיךְ גֵיי אָנְפִילְן גֶעז - קֶען אִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן דִי אוֹיגְן, אַבִּיסְל אַרוּיסְצִיר דָא אִיז כִּמְעַט אַזוֹי ווִי אִין שְׁטָאט, אוֹיסְגֶעלַאסְן אוּן שְׁמוּצִיג, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְּחַטָּאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְן יֵצֶר הָרָע; דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע נַאקֶעטֶע עֲבֵירוֹת - אִיז מֶען פּוֹגֵם בְּאוֹת בְּרִית

קוֹדֶשׁ און מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם. בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט אִין נִיאוּף, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף יֶעדֶע קְלִיפָּה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַוֶועק קוּקְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, קוּק מַיין הַארְץ, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג און רֵיין; יֶעדֶע מָאל אִיךְ מַאךְ אָפּ אִיךְ גֵיי זַיין גוּט - פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס פְלַאקֶערְט אִין מִיר.

אָנָּא הַשֵּׁם רַחֵם עָלַי, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא, גֶעבּ מִיר כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע און צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין מַצָּב פִּינְקְטְלִיךְ ווִי וַוייט דוּ בִּיסְט פַארְפַאלְן, ווִי וַוייט דוּ בִּיסְט פַארְלוֹירְן, דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַחְרָיוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז דָא נָאךְ אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּרְךְ שִׂמְחָה; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַאלְט אַוֶועק דִי תַּאֲוָה פוּן קוּקְן און פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דִי קְלִיפָּה - אִיר נָאמֶען אִיז 'לִילִית' אַ לָשׁוֹן פוּן 'יְלָלָה' - וֵויינֶען און קְלָאגְן, דָאס אִיז זֵייעֶר זַאךְ; עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, און פַארְקֶערְט, שִׂמְחָה - אִיז דִי סִימָן פוּן קְדוּשָׁה. זָאלְסְט הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, הֶער מוּזִיק אִין קַאר, אִין שְׁטוּבּ, גֵיי אַ טֶענְצְל און בַּארֶעכְן זִיךְ, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן - ווִי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר, ווִי סַאךְ גוּטְס דוּ הָאסְט, דָאס וּבְעִקָּר אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם; דָאס אַלֵיינְס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁפִּירְן אַ חֵלֶק פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה. אִיךְ בִּין קְרַאנְק אוֹיף דִי מַחֲלָה פוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג, דַאֲגָה'ן אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן פַארְגֶעסְן אַז מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיטְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה - קֶען מֶען אַלְץ הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע אוּן שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אוּן מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס בֶּעסֶער.

אִיךְ וויל פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר ווי אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אִיךְ פִיל אַזוֹי ווי אִיךְ דַארְף קוֹדֶם זִיךְ טוּישְׁן דִי וֶועג ווי אַזוֹי אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן, דִי וֶועג ווי אַזוֹי אִיךְ רֶעד, אוּן בִּכְלַל וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען זַיין אַ חֵלֶק פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ אַזוֹי אַלֵיינְס, נָאר בַּיי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען מִיר אַז עֶס אִיז יָא דָא פְּלַאץ פַאר מִיר; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הָאבּ אִיךְ דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט דָא.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מִיר, ווייל אִיךְ וויל נִישְׁט זַיין קַיין רַחְמָנוּת. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן ווִיסְן וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? וֶוער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ וֶועג ווי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן, ווי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז חִיזוּק אוּן עֵצוֹת ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא״שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט

דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶענֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, אוּן בְּמֶשֶׁךְ אַ שְׁטִיק צַייט, נָאכְן הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אֵיין שִׁיעוּר נָאכְן צְוֵוייטְן אַז זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד הָאט נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן, נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעחַזֶר'ט פַאר אוּנְז אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם פוּן יֶענֶעם, קוּק אִין דִי סְפָרִים, לֶערְן דִי סְפָרִים, לֶעבּ מִיט דִי סְפָרִים - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב'.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת - וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַ וֶועג פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן, דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים אוּן פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת - דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער.

מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיוו עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן חִיזוּק אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אַייךְ וַוייזְן אַ שֵׁיינֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיז וִויכְטִיג דִי קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן יֶעצְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם דְרַייסִיגְסְטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אִיךְ וֶועל אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם. אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטֶעלְט אַ וֶועסְטְל בַּיי אַ פִירְמֶע, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן עֶס גֶענֵייט אוֹיף אַ וֶועג עֶס זָאל זִיךְ צוּקְנֶעפְּלֶען פוּן לִינְקְס אוֹיף רֶעכְטְס, אַנְשְׁטָאט

פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס; זָאל אִיךְ צָאלְן עֶקְסְטֶער גֶעלְט עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן עֶס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן עֶס זָאל יָא זַיין פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס? אָדֶער אִיז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וויכְטִיג, מֶען קֶען עֶס לָאזְן אַזוֹי?

בִּכְלַל וויל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דֶער עִנְיָן צוּצוּמַאכְן דִי קְלֵיידֶער דַוְקָא פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזאַ וויכְטִיגֶער עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי אִיז דָא אַ כַּוָונָה מִיט דֶעם וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן דִי קְלֵיידֶער רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס. עֶרְשְׁטְנְס, מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (מִקֵּץ, קצח:): "דִּבְעָיָא לֵיהּ לְבַר נַשׁ, לְנַטְלָא יְדָא יְמִינָא בִּשְׂמָאלָא", מֶען זָאל זִיךְ וַואשְׁן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט, "בְּגִין לְשַׁלְטָאָה יְמִינָא עַל שְׂמָאלָא", אַז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִי לִינְקֶע; וַוייל רֶעכְטְס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חֶסֶד אוּן לִינְקְס - אוֹיף דִינִים, דַארְף מֶען שְׁטַארְקְן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס.

אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה וּנְשִׂיאַת כַּפַּיִם, הֲלָכָה ד) ווִי אַזוֹי מֶען זָאל שְׁטֵיין בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "מַנִּיחַ יָדָיו עַל לִבּוֹ, כְּפוּתִין הַיְמָנִית עַל הַשְּׂמָאלִית", מֶען זָאל לֵייגְן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט, אוּן דֶער בֵּית יוֹסֵף זָאגְט אַ טַעַם אוֹיף דֶעם (בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צה): "רֶמֶז לְהַכְנָעַת יֵצֶר הָרַע שֶׁהוּא נִרְמָז בְּצַד שְׂמֹאל", דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן הַכְנָעָה, צוּ פַארְדֶעקְן דִי לִינְקֶע, וָואס ווַייזְט אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע. אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אֲפִילוּ דִי שְׁרִיפְט, ווִי אַזוֹי אִידְן שְׁרַייבְּן - בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תְּשׁוּבוֹת, אוֹרַח חַיִּים סִימָן סז) - אִיז פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן חֲלִיצָה - אִיז מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט.

בַּיי קְלֵיידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נִדְפַּס בְּסֵפֶר יַלְקוּט מְנַחֵם, מִכְתָּב ב): "חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ, בְּמִנְהָג חָדָשׁ שֶׁל גּוֹיִם", עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ נֵייעֶ מָאדֶע וָואס קוּמְט פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, "שֶׁמְּהַפְּכִין וּמַנִּיחִין צַד הַשְּׂמֹאל שֶׁל הַבְּגָדִים עַל צַד הַיָּמִין", אַז מֶען נֵייט דִי קְלֵיידֶער - דִי לִינְקֶע זַייט זָאל זַיין אוֹיף דִי רֶעכְטֶע, "וּבָזֶה מַגְבִּירִים הַשְּׂמֹאל עַל הַיָּמִין בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים", אוּן מִיט דֶעם טוּט מֶען שְׁטַארְק מַאכְן דִי לִינְקֶע אוֹיף דִי רֶעכְטֶע; אִיז אַוַדַאי זָאלְסְטוּ פַארֶערְכְטְן דַיין וֶועסְטְל עֶס זָאל לִיגְן דִי רֶעכְטֶע זַייט אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן קְלֵיידֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין, אוּן נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכז; כט): "הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת", דִי קְלֵיידֶער וֶועלְן מָאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיב הָאט עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעטוּן צֶערִיסֶענֶערְהֵייט; בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, שְׁטֶענְדִיג גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיינֶע קְלֵיידֶער אוּן נִישְׁט קַיין צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

### אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה, בִּין אִיךְ שׁוֹין דֶערְנָאךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר.

נֶעכְטְן אִיז אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ שְׁטוּת, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גּוֹי'טֶע רַחֲמָנָא לִיצְלַן. טֵייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר?! אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת אַ וואוֹילֶער אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן אַזַא זַאךְ. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ

דָאס גֶעטוּן, און אִיךְ גֶעדֶענְק מַמָּשׁ ווִי אַ שֵׁד, אַ רוּחַ, אִיז אַרַיין אִין מִיר, און עֶר הָאט עֶס גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן, עֶס אִיז נִישְׁט מִיר, אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן מַיין ווַייבּ אִין פְּנִים, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, זִי אִיז אַזוֹי וואוֹיל און אַזוֹי פֵּיין, אִיךְ ווִיל זִיךְ מַמָּשׁ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אִיךְ צִיטֶער פוּן מַיין שָׁאטְן.

טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ דַארְף אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט טְרֶעפְן אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף מִיר אוֹיסֶער אַז אִיךְ בִּין אַ מְשׁוּגֶעֶנֶער, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר שְׁרַייבְּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה און אַ תִּיקוּן. ווָאס טוּ אִיךְ יֶעצְט ווַייטֶער? ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען ווַייטֶער?

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר בִּיטֶע שְׁנֶעל עֶפֶּעס צוּרִיק שְׁרַייבְּן, ווַייל אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווֵיי און בִּיטֶער אִיז אַז מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גּוֹיָ'ה רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ דִי עֲבֵירָה אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פב.): "הַבָּא עַל הַגּוֹיָ'ה, חַיָּיב עָלֶיהָ מִשּׁוּם נִדָּה, שִׁפְחָה, גּוֹיָה, זוֹנָה", מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת, און דָאס אִיז כְּאִילוּ מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט עֲבוֹדָה זָרָה מַמָּשׁ; ווֵיי און בִּיטֶער פַאר דִי נְשָׁמָה, ווֵיי אוֹיף דִי ווֶעלְט און ווֵיי אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט, דִי עֲבֵירָה בְּלַייבְּט צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:) דֶער ווָאס טוּט אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גּוֹיָ'ה, "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר קְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב", מֶען בְּלַייבְּט צוּגֶעקְלֶעבְּט אַזוֹי ווִי אַ הִינְט, מֶען ווֶערְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים ווָאס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעווָארְן פוּן דִי עֲבֵירָה; דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים גֵייעֶן מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ, זֵיי בְּרֶענְגֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת, מֶען לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע פֵּיין אִין לֶעבְּן, און מֶען ווֵייסְט נִישְׁט פַארְווָאס מֶען לַיידְט.

מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ וויסְן אַז תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט מֶען אָן אַזוֹי הוֹיךְ, הֶעכֶער ווִי דִי צַדִּיקִים קוּמֶען אָן. נָאךְ זָאגְן זֵיי (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פַּרְשָׁה מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ וִויל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיָּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

דִי עֲבֵירָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, גֵיין צוּ אַ גוֹיָ'ה אוּן טוּן מִיט אִיר אַן עֲבֵירָה אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, אָבֶּער קֶענְסְט נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, ד) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִם אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה לְפָנַי", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, "אִם חוֹזֵר וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", אוֹיבּ הָאט עֶר חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה - "הֲרֵי אֲנִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲנִי מְקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", נֶעם אִיךְ אִים צוּרִיק, אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֵין אֲנִי זוֹכֵר לוֹ אֲפִילוּ מִקְצָת עֲוֹנוֹתָיו", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט דֶערְמָאנֶען קַיין אֵיין עֲבֵירָה; נָאךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שָׁם, פֶּרֶק ו): "בָּנַי, אֲנִי אָמַרְתִּי לָכֶם אֵין חֶפְצִי אֶלָּא בְּרָכָה וּבְמִי שֶׁאֵין בּוֹ עֲבֵרוֹת", אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעזָאגְט אִיךְ וִויל נָאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, "וְחָזַרְתִּי בּוֹ בִּדְבָרַי", יֶעצְט צִי אִיךְ צוּרִיק, "אֲפִלּוּ יַעֲשֶׂה אָדָם מֵאָה עֲבֵרוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, "וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן, עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ לָאָרֶץ, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא חֶצְיוֹ זַכַּאי וְחֶצְיוֹ חַיָּב, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ חַיָּב בְּאָשָׁם תָּלוּי בְּכָל יוֹם", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן 'אִיךְ דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן' - "הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וּמְקַבְּלוֹ בִּתְשׁוּבָה", וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ וֶועל אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֶתֵּן לוֹ בָּנִים שֶׁל בַּעֲלֵי קוֹמָה וְעוֹסְקֵי בַּתּוֹרָה וּמְקַיְּמֵי מִצְוֹת", אוּן אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים.

וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן טוּן תְּשׁוּבָה? דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי דְּבָרִים. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א) יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, - אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

בְּרוּדֶער, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן נִישְׁט אֵיין מָאל, נָאר יֶעדְן טָאג. דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, וֶוען, וואו אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵייל אַלֶעס, ווַייל נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי וִידּוּי דְּבָרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי, פֶּרֶק ח) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם", גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר מִיר, "מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", הָאבּ אִיךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ מִיר.

זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין דִי זַאךְ פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס זֶענֶען מִיט דִיר אוּן נֶעמֶען דִיךְ אַרוּם, אוּן דָאס וֶועט זַיין דַיין תְּשׁוּבָה.

אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן, קֶענְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיין תְּשׁוּבָה. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי

וָואס ווילְן דִיר זָאגְן אַז דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין תִּקְוָה, גְלֵייבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַאְרדַארְבְּן - גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

עֶס וֶועט דִיר יֶעצְט זַיין בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ וֶועסְט יֶעצְט כְּסֵדֶר וֶוערְן בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, פְּלוּצְלוּנְג אִינְמִיטְן טָאג וֶועט דִיר וֶוערְן שְׁלֶעכְט, ווייל אַזוֹי גֶעשֶׁעט מִיט דִי וָואס זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית, אוּן דִי וָואס זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן נַשְׁגַ"ז רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס לוֹיפְט זֵיי נָאךְ דֶער נִישְׁט גוּטֶער רוּחַ, זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג בְּעַצְבוּת, בִּיז מֶען טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען הַשֵּׁם יְרַחֵם, אָבֶער מִיט דִי צַייט, נָאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַסַאךְ וִידּוּי דְבָרִים - וֶועט עֶס צוּבִּיסְלִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. ווייל דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַ צַדִּיק מִיְּחִידֵי הַדּוֹרוֹת הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.

...

**מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן אֵייגֶענֶע שֵׁיינֶע הוֹיז?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יֶעדֶעס מָאל װען איך װיל עֶפֶּעס קױפְן װָאס איך דַארְף נִישְׁט הָאבְּן, נָאר איך װיל עֶס הָאבְּן, טְרַאכְט איך צוּ זִיך 'װָאס װיל איך עֶנְדֶערְשׁ, דִי זַאך װָאס איך װיל אָדֶער אַ הױז?' און איך לֵייג אַװעק דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען קױפְן אַן אֵייגֶענֶע הױז. איך הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז איך װעל שׁוֹין שְׁנֶעל קֶענֶען הָאבְּן מַיין אֵייגֶענֶע הױז.

איך װיל פְרֶעגְן אוֹיב אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ װעלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הױז? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלֶעמָאל אַז מֶען אִיז דָא אוֹיף דִי װעלְט נָאר פַאר אַפָּאר יָאר, אָבֶּער איך װיל עֶס יָא און איך בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שֵׁיינֶע הױז; מֶעג מֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

װאוּיל אִיז אַייך אַז איר לֶעבְּט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, איר גֶעבְּט נִישְׁט אוּיס גֶעלְט פַאר זַאכְן װָאס איר װילְט; איר װֵייסְט און פַארְשְׁטֵייט דֶער חִילוּק פוּן דַארְפְן און װעלְן, װָאס דַארְף מֶען אִין לֶעבְּן און װָאס װיל מֶען, און איר גֶעבְּט נָאר אוּיס דִי גֶעלְט פַאר זַאכְן װָאס אִיז װִיכְטִיג.

בְּנוֹגֵעַ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע בַּאקְװֶועמֶע דִירָה וְכוּ׳; אַװדַאי מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע הױז, דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן װָאס מֶען דַארְף און װָאס מֶען װיל; דָאס אִיז שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן װָאס דְרוּקְט און װָאס מֶען װיל.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע בַּאקְװֶועמֶע דִירָה װאוּ איר װעט קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַ שֵׁיינֶע דִירָה אִיז דָאךְ אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן װָאס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נז:) עֶס אִיז מַרְחִיבִין דַּעְתּוֹ שֶׁל אָדָם, דִירָה נָאֶה.

װאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ װָאס אִיז דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אִיךְ וֶוער גֶעהָאלְפְן מִיט אֵיין זַאךְ, וֶועט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען נָאךְ אַ צָרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק גֵיין דִי פְּרָאבְּלֶעם וָואס מַאכְט מִיךְ יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט גְלַייךְ קוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס וֶועט מִיךְ מַאכְן רֶעדְן צוּ אִים.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, וָואס אִיז דֶעמָאלְט דִי גַאנְצֶע פְּשַׁט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיךְ, אוֹיבּ עֶס גֵייט סַיי ווִי קוּמֶען פְרִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען? עֶס אִיז שׁוֹין גְרִינְגֶער אֶפְשַׁר אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַזוֹי ווִי עֶס אִיז? סְתַּם בֶּעטְן עֶס זָאל אַוֶועקְגֵיין, אַז עֶס זָאל קוּמֶען נָאכְדֶעם אַן אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם?!

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט פַאר מִיר.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט פַארְוָואס מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז דָאס אוֹיךְ פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ - וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער. דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, "חַיָּיו חַיִּים", דֶער לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אַלֶעס גֵייט גְרִינְגֶער אוּן עֶס אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט, "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר", וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם", אוּן עֶר לַיידְט יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם, "גַּם כֵּן טוֹב", אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַאְרלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּתִים וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי חָכְמוֹת, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס טוּט דִיר וֵויי אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען, אוּן עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ זָאגְן אוֹיבּ דִי זַאךְ וָואס דוּ בֶּעסְט וֶועט אַוֶועק גֵיין וֶועט קוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע צָרָה; דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן אוֹיךְ דַאנְק אִים פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין פְּרֵיילִיךְ.**

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

...

## זָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): ״גְּמָרָא גְמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא״, ׳גְּמָרָא גְמוֹר׳ לֶערְן גְמָרָא, ׳זְמוּרְתָּא תְּהֵא׳ - דָאס טוּט פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי נְשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה, אַ לָשׁוֹן פוּן ׳לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה׳, וָואס פַארְכַאפְּן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְן זֵיי פַארְבְּרֶענְט.

זָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לִימּוּד גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס שִׁיר הַשִּׁירִים און עֶר זִינְגְט זִיךְ דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ", און עֶר טַייטְשְׁט: "'הִנֵּה זֶה עוֹמֵד', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר, און אַז מִיר זֶעעֶן 'אַחַר' - עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז ווייל מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט און זִיךְ גֶעמַאכְט 'כָּתְלֵנוּ' - אַ וַואנְט"; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעְרָאל, און עֶר גֶעפִינְט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ, נָאר אַז מֶען זִינְדִיגְט - מַאכְט מֶען זִיךְ אַ מָסָךְ הַמַּבְדִּיל, מֶען זֶעט נִישְׁט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זֶעט אַנְדֶערֶע זַאכְן, און דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִשְׁמָהּ וֶוערְן זֵיי אוֹיס און דִי פָּארְהַאנְג גֵייט אַוֶועק.

לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים לֶעצְט; וֶוער נִישְׁט שְׁוַואךְ פוּן דִי וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער טָאג - דֶעמָאלְט וֶועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ דוּ גֵייסְט אַזוֹי סַאךְ צַייט הַפָּצָה און מֶען נֶעמְט נִישְׁט**
**זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַפָּצָה דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְרָאכְן פוּן דִי אַלֶע וָואס נֶעמֶען נִישְׁט אָדֶער שְׁפֶּעטְן; מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן און זִיךְ מְחַיֶ' זַיין אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָ' צוּ גֵיין הַפָּצָה.

אַז דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט גֶעבְּן אֲפִילוּ נָאר פַּאר אֵיינֶעם אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס, אַ סִידִי, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אֲפִילוּ דוּ גֵייסְט אַזוֹי סַאךְ צַייט און מֶען נֶעמְט נִישְׁט, און מֶען זָאגְט 'קֵיינֶער דַארְף

נִישְׁט דִי סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ׳״ - זָאל דִיר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן, וַוייל אַז אֵיינֶער נֶעמְט אַ סֵפֶר - אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הֲפָצָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (יְמֵי מוֹהַרְנַ״ת חֵלֶק שֵׁנִי, אוֹת קטו): ״בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד כְּדַאי כָּל הַיִּסּוּרִים וְטִלְטוּלִים שֶׁיֵּשׁ לִי, שֶׁאֲנִי עַכְשָׁו כְּמוֹ בְּגָלוּת מִצְרַיִם, שֶׁאֲנִי נָע וָנָד וּמְטֻלְטָל וּמְבֻלְבָּל בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא שֶׁל מִצְרַיִם״, פַאר דֶעם אַלֵיין אִיז מִיר וֶוערְד גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, דוּרְכְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעפּ, ״אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא עָלָה עַל דַּעְתִּי לִהְיוֹת כָּאן״, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אִין מַיין לֶעבְּן אָנְקוּמֶען אִין מִצְרַיִם, ״אֲבָל כְּשֶׁאֲנִי זוֹכֶה לְהַזְכִּיר בַּאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא בַּשּׁוּק שֵׁם הַסֵּפֶר שֶׁל רַבֵּנוּ הַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה״, אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְמַאנֶען נָאר דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין גַאס אִין אַלֶעקְסַאנְדְרִיֶע - ״בִּשְׁבִיל זֶה הַכֹּל כְּדַאי״, פַארְדֶעם אַלֵיין אַז שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְד, ״כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי מַאֲמִין וְיוֹדֵעַ קְצַת גְּדֻלַּת קְדֻשַּׁת נוֹרְאוֹת זֶה הַסֵּפֶר״, לוֹיט וְויפִיל אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

דוּ גֵיי הֲפָצָה; שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיט דִיר סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מְזַכֶּה זַיין אֲפִילוּ נָאר אֵיין אִיד מִיט אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי׳ן, אָדֶער אַ קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא״שׁ - דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר פְרֵייעֶן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, סִימָן קכה; קכח): ״בְּכָל הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלַכְתִּי מִסְטַנְבּוּל לַאֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא הָיָה לִי צַעַר כְּשֶׁזָּכַרְתִּי שֶׁאֲנִי מֻכְרָח עַתָּה לֵילֵךְ לְמִצְרַיִם״, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם; אַ פְּלַאץ וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יז, טז): ״לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד״, מֶען זָאל נִישְׁט צוּרִיק גֵיין קַיין מִצְרַיִם; מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט זַיין בַּיי אֵיינֶעם אוּן אִים מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים ״לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״ אוּן ״סֵפֶר הַמִּדּוֹת״, זָאגְט רֶבִּי נָתָן: ״וְזֶה יָקָר בְּעֵינַי מְאֹד שֶׁזָּכִיתִי לְהַשְׁאִיר סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּמְדִינָה רְחוֹקָה כָּזֹאת״, דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט מֵפִיץ זַיין אִין אַזַא וַוייטֶע מְדִינָה.

דִי וָואךְ גֵייט פַאר דִי בְּנֵי חוּץ לָאָרֶץ צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת, פַּרְשַׁת חֻקַּת אוּן פַּרְשַׁת בָּלָק; הוֹיבּ אָן שׁוֹין אָנְהוֹיבּ וָואךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיְין, אַז דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי וָואךְ אָן טוּן דִי מִצְוָה, וַוייל אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה - בַּאקוּמְט מֶען אַ שָׁאדְן; דָאס אִיז קְלָאר אוּן דָאס קֶענְסְטוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן, וִוי זֵיי קְרֶעכְצְן אַז פָארִיגֶע וָואךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַ שָׁאדְן, אוּן בִּכְלַל אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י - אִיז אַן אַנְדֶערֶער טָאג, אַ יִרְאַת שָׁמַיִם טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זַיין צֵייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, וַוייל אֵינוֹ דוֹמֶה אַ טָאג אִין חֵדֶר וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן צֵייטְלִיךְ, מֶען וַוארְט אָפּ דִי קִינְדֶער - צוּ אַ טָאג וָואס מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט, נָאכְדֶעם וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין דָארְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדֶע תַּלְמִיד דַיינֶער, אוּן גֶעבּ יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט זִיךְ שַׁבָּת אִין שׁוּל וְכַדּוֹמֶה מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ צוּגֵיין צוּם טַאטְן אוּן זָאגְן - גֶענוּג הוֹיךְ אַז דֶער תַּלְמִיד זָאל הֶערְן - אַ גוּט וָוארְט אוֹיף אִים; דָאס אִיז מֶער וֶוערְד פוּן סְטְרַאשֶׁען אוּן פוּן קַנְסְ׳נֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טוּט דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, רֶעכְנְט אוֹיס דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן דַאנְקְט אוֹיף יֶעדְן פְּרַט, דָאס וֶועט עֶפֶענֶען פַאר אַייךְ אַ טִיר אִין הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. טוּט דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גֶעבְּט אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "עַל יְדֵי צְדָקָה זוֹכֶה לְבָנִים", דוּרְךְ צְדָקָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן גֶעבְּט דִי צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת צְדָקָה, סִימָן כז): "יִתֵּן לִצְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, וְיִהְיֶה תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט וֶוערְן דִי תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען, אוּן בֶּעטְס: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה – גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער"**.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל אִיךְ זֶע אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ זֶע עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר קוּמְט דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיךְ זֶע אִיךְ אִים לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים**

אִיךְ הָאף דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֵויילְן בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי דֶעם זוּמֶער – וֶועלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל. אִיךְ ווִיל נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֶועל פַארְשְׁפַארְן דִי סְווִימִינְג פוּל, אוֹיבּ פְּרוּוֶען וֶועלְן שְׁווִימֶען מִיט דִי פְּרִיצוּת'דִיגֶע קְלֵייד 'בֶּעידִינְג-סוּט'; אִיךְ שְׁטֶעל דִיךְ דוּ זָאלְסְט זֶען אַז אַלֶעס אִין קָאנְטְרִי זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער, דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת – זָאלְן גֵיין

אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת׳דִיג; נִישְׁטָא קַיין נַאקֶעטֶע פִּיס, פוּן דִי דְרֵיי יָאר דַארְף דִי פִּיס זַיין צוּגֶעדֶעקְט אִינְגַאנְצְן.

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קָאנְטְרִי, נָאר אוֹיב עֶס אִיז בִּצְנִיעוּת, הֵיילִיג אוּן רֵיין; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זֶען אוּנְזֶער קָאנְטְרִי זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיף וַואקַאצִיעֶ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל אַיינְגֶעלַאדְנְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב צוּ אַ סִיּוּם אוֹיף הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּיי דִי סִיּוּם אוּן אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בַּיי דִי סִיּוּם, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן כְּסֵדֶר ׳ווָאוּ אִיז דִי שְׁטֶעטְל?׳ מֶען זוּכְט עֶפֶּעס צוּ זֶען; וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ וַוייזְן? וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זֶען? בֵּיימֶער אִיז דָא אִין יֶעדֶע פְּלַאץ; דָא אִיז דִי שְׁטֶעטְל! דֶער שְׁטֶעטְל אִיז זֶען אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָבוּק צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

בַּיי דֶער סִיּוּם הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט דִי זֵיידֶעס, אוֹיךְ הָרַב רֶבִּי דָנִיֵּאל שְׁלִיטָ״א. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, פוּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִין דִי חֶדֶר פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען ווָאוּ מִיר זֶענֶען; אִין שְׁטָאט, אִין קָאנְטְרִי, נִישְׁט מְשַׁנֶּה ווָאוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן דִי רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם וֶועג צוּ לֶערְנֶען; יֶעדֶע מִינוּט הָאט מֶען אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אִין דִי קָאנְטְרִיס זוּכְן אַזַא בּוֹים

צוּ לֶערְנֶען, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט שְׁלֶעפְּט מֶען דֶעם טִישׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, בִּיז מֶען אִיז מַחְלִיט ׳אֶפְשָׁר גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע קָאנְטְרִי?׳ מֶען גֵייט און מֶען קוּמְט, און מֶען קוּמְט און מֶען גֵייט, און אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דָאס לֶעבְּן אָן אֲפִילוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אֵיין מָאל שַׁ״ס, און אֲפִילוּ אֵיין מַסֶכְתָּא.

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נֶעכְטְן, אַ וַוייבְּל פוּן שְׁטֶעטְל שְׁרַייבְּט אַ בְּרִיווּ אַז זִי הָאט נֶעכְטְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי הוּנְדֶערְט׳סְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם פְּלַאץ, דָאס אִיז דִי שְׁטֶעטְל; זֶען ווִי מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, מֶען לֶעבְּט בַּאקְוֶועם, יֶעדֶער הָאט זַיין הוֹיז, זַיין גֶעזִינְדְל, און דָאס פְּלֶעכְט מֶען אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; דֶער מַאן מִיטְן מִשְׁנַיּוֹת און דָאס וַוייבְּל מִיטְן תְּהִלִּים, דֶער מַאן מִיטְן טַלִּית וּתְפִלִּין און דָאס וַוייבְּל מִיט אוֹיפְצִיעֶן אַ שְׁטוּבּ מִיט אֱמוּנָה, מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאף שׁוֹין אָנְצוּהוֹיבְּן שִׁיעוּרֵי הִתְחַזְּקוּת יֶעדֶע נַאכְט; בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דֶער פְּלַאץ נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער הַיינְט אָדֶער מָארְגְן - וֶועט שׁוֹין זַיין דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים יֶעדֶע נַאכְט אוּם אַכְט דְרַייסִיג.

אַרְבֶּעט נִישְׁט אִיבֶּער דַיינֶע כֹּחוֹת אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הָאבְּן גֶעלְט צוּ גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע, זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; צֶעטֵייל דִי וַואקַאצְיֶע אוֹיף אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער אָדֶער זֶעקְס אַזֵייגֶער - גֵיי אַהֵיים אוֹיף וַואקַאצְיֶע, דַארְפְסְט נִישְׁט צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, זוּכְן טוֹבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע; הַאלְט דִי קִינְדֶער מִיט דִיר, רֶעד מִיט זֵיי, הֶער זֵיי אוֹיס; זֵייעֶרֶע מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ, חָכְמָה׳לֶעךְ, און נֶעם וַואקַאצְיֶע; נֶעם דַיין מִשְׁנַיּוֹת, זִיץ אוּנְטֶערְן בּוֹים און זָאג נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק, און וֶוען דוּ ווִילְסְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן - רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק און לוֹיבּ, און וֶוען דוּ ווִילְסְט זִיךְ שׁוֹין אָפְּרוּעֶן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - גֵיי צוּרִיק צוּם מִשְׁנַיּוֹת און גְמָרָא.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מֶען הָאט גֶעגָאסְן דִי מִקְוֶה. דֶער דַיָּן מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען און גֶעזֶען אַז אַלֶעס זָאל

זַיין כָּשֵׁר וְיָשָׁר, דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דָאס גֶעגָאסְן, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט חֶשְׁבּוֹן בַּיי דִי וִויפְלְטֶע מִקְוֶה מֶען הַאלְט שׁוֹין.

אִינְדֶערפְרִי אִיז דָא דֶער שִׁיעוּר אוּנְטְן אִין וַואלְד בַּיי דִי בָּחוּרִים, מֶען לֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶס אִיז אַזוֹי מְחַיֶּ׳דִיג, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; לֶערְן דוּ אוֹיךְ דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ בַּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן גְרִינְגֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

חַזַק וֶאֱמָץ דַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג בַּייצוּקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

### מֵיין נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער פָּארְט אוֹיף אוּמַאן אָן מְנִיעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, י׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט צוּ אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, הַחָתָן יִשְׂרָאֵל מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר. צוּ דֶער חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל דֶער חָתָן אִיז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דֶער בָּחוּר הָאט יָארְן גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן אַלֶעס פַאר דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן. אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מִיר אִין דִי צַייט פוּן דִי מַחֲלֹקֶת, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן שְׁמִירָה בַּיים גֵיין אִין

גַאס. עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי פְּרָאטֶעסְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיי מַיין שְׁטוּב, עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי אִין חֵדֶר, כְּדֵי מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפְּגֵיין אִין גַאס אוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פוּן דִי הַפְגָנוֹת; בַּיי דֶער חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זַיין, אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן מַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שֶׁיִּחְיוּ, אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר נֶעבֶּעךְ מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. וֶוען מֶען גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל, דָארְט הוֹיבְּט מֶען אָן כַאפְּן דִי חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען גֵיין, קוּמֶען, מֶען אִיז נִישְׁט בַּאהָאפְטְן צוּ מַאשִׁינֶען; מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל נָאר זַיין גֶעזוּנְט.

אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה... עֶס הוֹיבְּט אָן קָאכְן, מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען, מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער... בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען דִי יָאר זַיין בַּיים קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

אַוַודַאי אִיז דָא מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע מְנִיעוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער פָּארְט אוֹיף אוּמַאן אָן מְנִיעוֹת; אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אַ צְוֵוייטֶער פוּן דִי וַוייבּ, אֵיינֶער פוּן גֶעלְט אוּן אַ צְוֵוייטֶער פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; אַזוֹי גֵייט דָאס, אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען טוּט הֵיילִיגֶע זַאכְן - מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת; ווארִיל אִיז דֶעם וָואס קוּמְט אַלֶעס אִיבֶּער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל אִין הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר, קוּמֶענְדִיגֶע לֵיל שִׁשִּׁי אִיז שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אַ פַאסְט טָאג, מֶען הוֹיבְּט אָן דִי דְרֵיי וָואכְן; זָאלְסְטוּ קוּמֶען דִי וָואךְ צוּם שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד מִיט דַיין טָאכְטֶער זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בִּיטֶע רֶעד מִיט דַיין טָאכְטֶער זִי זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי מֵיידְל ..., זִי זָאל זַיין אִיר חַבֶר'טֶע; וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי מִיר פוּן גְרוֹיס צַעַר אַז אִין מַיין מוֹסָד, בַּיי מִיר אִין בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַ גַאנְצֶע כִּתָּה פוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן רוֹדְפְ'ן אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידְל, אוֹיךְ דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זָאגְט מִיר זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן דָא.

אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט פוֹעֵל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אִיר מְקָרֵב זַיין, אָבֶער אִיךְ הָאבּ צוּטוּן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן הֶעצְן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט חַבְרְ'ן מִיט דִי מֵיידְל, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיין טָאכְטֶער, אִיר מְחַנֵךְ זַיין זִי זָאל הָאבְּן דִי מִדוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן וִוי אַ אִיד - וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, אוּן דִי וָואס הֶעצְן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן אַלְץ גֶערֶעכְט פַאר דִי קִינְדֶער - זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער עֶס טוּט דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זוֹכֶה צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ', אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער - זָאלְט אִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; אַז מִיר טוּעֶן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוּן וֶוער עֶס טוּט דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", דִּי פְרוֹי וָואס טוּט רָצוֹן בַּעְלָהּ - דִּי וִוילְן פוּנֶעם מַאן.

אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ גוּטֶע הַארְץ מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת; עֶר בֶּעט מִיר עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר דַארְף אַ וַוייבּ.

ווארויל אִיז דִי פְרוֹי וָואס הִיט אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר.

...

## אֲפִילוּ מֶען שְׁרַייט אוֹיף דִיר צֵא טָמֵא, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין; וואוּ אַ אִיד אִיז נָאר - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "מַעֲשֶׂה בִּסְפִינָה אַחַת שֶׁל עַכּוּ"ם", עֶס אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אַ שִׁיף מִיט גוֹיִם, אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעוֶועְן אַ אִידִישׁ אִינְגְל. עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ שְׁטוּרֶעם אוּן דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶרְגֶעץ ווייט אַוֶועק, אַלֶע גוֹיִם זֶענֶען אַרָאפּ פוּן שִׁיף זוּכְן עֶפֶּעס עֶסְן אָבֶּער דֶער אִידִישׁ אִינְגְל אִיז גֶעבְּלִיבְן אוֹיפְ'ן שִׁיף, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס גֵייסְטוּ דִיר נִישְׁט קוֹיפְן עֶפֶּעס עֶסְן?" הָאט דֶער קִינְד גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶער, אִיךְ ווייס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין", הָאבְּן דִי גוֹיִם אִים גֶעפַּאטְשְׁט אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִידִישׁ קִינְד אִיז פְרֶעמְד? 'כָּל אָהָן דְּאַתְּ אָזֵיל', וואוּ אַ אִיד גֵייט, 'אֱלָקָךְ עִמָּךְ', אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו".

בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ; אֲפִילוּ קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, אַלֶע וַוארְפְן דִיךְ אַוֶועק, מֶען וַוארְפְט דִיךְ אַרוֹיס, מֶען שְׁרַייט אוֹיף דִיר צֵא טָמֵא - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מִיט דִיר. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא טז, טז): "הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם", אֲפִילוּ מֶען אִיז טָמֵא - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט אוּנְז, אוּן עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם מַאן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיר לֶעבְּט מִיט אִים וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז אִיךְ נִישְׁט גְרִינְג וְכוּ' אוּן אִיר הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם וְכוּ' - דָאךְ טוּט אִיר דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר גֵייט אֲפִילוּ קֶעגְן אַייעֶר ווִילְן.

דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי - אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? "כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", דִי פְרוֹי וָואס טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן יְהִי רָצוֹן - שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר רֶעדְט זִיךְ קֵיינְמָאל אָפּ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וָואס מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם - אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַ גוּטֶער עֶרְלִיכֶער סוֹפֵר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כְּתִיבַת סֵפֶר תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ אַ

גוּטֶער עֶרְלִיכֶער סוֹפֵר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ר׳ דָּוִד קְלִיעֶרְס נֵרוֹ יָאִיר, דָא קֶענְסְטוּ זֶען זַיין שְׁרִיפְט, אוּן אוֹיבּ עֶס גֶעפֶעלְט דִיר - פַּארְבִּינְד זִיךְ מִיט אִים; מַאךְ מִיט אִים אַ קָאנְטְרַאקְט וְוִיפִיל עֶס וֶועט דִיר קָאסְטְן אוּן וְוִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אִים שִׁיקְן דִי גֶעלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דַיין פֶּעלְד נֶעבְן דַיין שְׁטוּבּ אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן, אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר וֵוייסְן פוּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת.

דָא שִׁיק אִיךְ דִיר זַיין כְּתַב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט כְּדַאי אוֹיפְצוּהֶערְן זֵייגְן דָאס קִינְד, צוּלִיבּ קֶענֶען פָאָרְן קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אוֹיפְהֶערְן זֵייגְן דָאס קִינְד - צוּלִיבּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן וְכוּ׳; אָדֶער קֶענְט אִיר מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט אַייךְ, אוּן אַז אִיר ווִילְט פָארְן אַלֵיין אוּן נִישְׁט דַארְפְן מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד - זָאלְט אִיר וַוארְטְן נָאךְ אַפָּאר חֲדָשִׁים; וַוייל דִי מִילְךְ וָואס דָאס קִינְד זֵייגְט פוּנֶעם מַאמֶע - דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט סֵיי פַארְן גוּף אוּן סֵיי פַארְן נֶפֶשׁ.

פָארְן צוּם רֶבִּינ׳ס צִיּוּן אִיז טַאקֶע הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, אָבֶער נִישְׁט וֶועגְן דֶעם זָאל מֶען אוֹיפְהֶערְן זֵייגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קְוֶועטְשְׁן אוּן קְרֶעכְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן ... תִּחְיֶ' זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר דַארְפְט פַארְרֶעכְטְן אַז אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז גֶעפַאלְן מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ אוּן זִיךְ צֶעהאקְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; פַארְרֶעכְטְן דַארְפְן מִיר אֵיין זַאךְ, מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס אוּן מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיף קְרֶעכְצְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ נָאר גוּט צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קְוֶועטְשְׁן אוּן קְרֶעכְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן אוּן אוֹיךְ אַלֶע אִידְן וָואס קֶען פַּאסִירְן אִין אֵיין רֶגַע, מֶען קֶען וֶוערְן אִין אֵיין רֶגַע אוּמְגְלִיקְלִיךְ, מִיר דַארְפְן הַאלְטְן אִין אֵיין דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען פוּן אַ כּוֹס וָואס אַ נִדָּה הָאט גֶעטְרִינְקֶען דֶערְפוּן. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר קַב הַיָּשָׁר (פֶּרֶק יז) מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי שְׁפֵּייעֶכְץ פוּן אַ נִדָּה, אוּן מֶען זָאל אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דִי כּוֹס וָואס אַ נִדָּה הָאט גֶעטְרִינְקֶען, וַוייל עֶס הֶערְשְׁט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע טוּמְאָה אוֹיף אִיר. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר זָאגְט (שְׁמוֹת ג:): "דְּלֵית מִסְאֲבוּ תַּקִּיף בְּעָלְמָא", נִישְׁטָא אַזַא שְׁטַארְקֶע טוּמְאָה אוֹיף דִי וֶועלְט, "בַּר מִסְאֲבוּ דְּנִדָּה", אַזוֹי וִוי אַ נִדָּה; "מִסְאֲבוּ דְּנִדָּה קַשְׁיָא מִכָּל מִסְאֲבוּ דְּעָלְמָא", דִי טוּמְאָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, "אִסְתְּאַב אִיהוּ", זִי אִיז טָמֵא, "וְכָל דְּמִתְקָרְבִין בַּהֲדֵיהּ יִסְתַּאֲבוּן עִמֵּיהּ", אוּן אַלֶע וָואס קוּמֶען אִין בַּארִירוּנְג מִיט אִיר - וֶוערְן טָמֵא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com